# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Lider/ Poems - Keniger

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/6k24s4c3

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 97(1)

### Author
Chaim Keniger, Khayim Keniger/

### Publication Date
1981

### Copyright Information
Copyright 1981 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

איך בין אַלט און קראַנק געוואָרן,
ביז איך האָב אַהער דערגרייכט,
בעט איך אויס דעם רעשטל יאָרן
אויף די זאַמדן ווייך.

ירושלים, 18טן אַפּריל, 1980

## יעדע רגע

יעדע רגע ווערט אומשטערבלעך,
ווען דו לעבסט זי אויס.
פון די פּירות ווערן קערלעך,
וואָס דו טריקנסט אויס.

און פאַרזעצסט זיי אין דיין גאָרטן
קערלעך אַלערליי,
איידלסט אויס דערנאָך די סאָרטן
ביימער אין דער ריי.

יעדע רגע ווערט אומשטערבלעך
און זי איז עס ווערט,
פון די טעלער ווערן שערבלעך,
פון די שערבלעך ווידער ערד.

פון די קי מיר האָבן קעלבער,
פון די קעלבער ווידער קי
און סע קומט דער טאָג דער זעלבער
פונקט ווי נעכטן אין דער פרי.

ס'גייט קיין פינטל נישט פאַרלוירן,
נישט קיין מע און נישט קיין מו,
יעדע רגע ווערט געבוירן,
קומט אַ לעבן צו.

ירושלים, 24טער אַפּריל, 1980

חיים קעניגער / פּאַריז

## מיין בליק

מיין בליק וואַנדערט
און ווערט אין גילגולים פאַרענדערט —
אין אַ בוים וואָס בליט,
אין אַ צווייג וואָס זיך וויגט,
אין אַ שאָטן פון אַ פעלזענעם שפּאַלט,
אין געשנירך פון צעבלעטערטן וואַלד.

## מיין האַרץ

מיין האַרץ
ווי אַ בוים איז פול
מיט גראַנאַטן
רויטע ווי בלוט.
צווייגן — אויסגעשטרעקטע הענט —
איר וואָלט מיר העלפן געקענט
אָפּרייסן די גראַנאַטן פון בוים
און זיי זאָלן פאַלן
ביזן סאַמע זוים.